# וואס איז דאס לעבן ?...

וואָס איז דאָס לעבן ? דער וויוואט געשריי,
דאָס ליגן פארלייזיגטערהייט אין טראנשיי,
דאָס ווארטן אויף טויט אין פארגליווערטער ריי ? —
אָט דאָס איז דאָס לעבן ?

טאָ וואָס איז דאָס לעבן ? דער נאכטיקער שאָס,
דאָס לייגן דעם קאָפּ און ניט וויסן, פארוואָס,
דאָס שטיקן אין זיך דעם צעפרעסטן פארדראָס ? —
אָט דאָס איז דאָס לעבן ?

טאָ וואָס איז דאָס לעבן ? דער נעכטן ? דער היינט ?
דאָס וויסן, אז ערגעץ איז זון דאָ און שיינט ?
און דו ביסט אליין, אָן אן איינציקן פריינט ? —
אָט דאָס איז דאָס לעבן ?

מיר דאכט, אז מיין לעבן איז אייביקע קלאָג
און ס'פּילט דערמיט יענער וואָס וועט געבן א זאָג:
עס ווייַנט דער באגינען און לעשט שוין דער דיין טאָג...

טראַגישער פעסימיזם